# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **דברים - ואתחנן** תשפ"ב ◆ עלון מס': **95**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### א 'ווייטע' סיבה מיט א 'נאנטע' סיבה

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די בריאה אין וואס מיר לעבן, וועט מען זייער שנעל אנקומען צו די אנערקענונג אז יעדער זאך אויף די וועלט גייט אריבער א פראצעדור ביז ווען מיר קענען עס נוצן.

ביי געוויסע זאכן איז עס א קורצער פראצעדור, ביי אנדערע זאכן איז עס א לענגערע פראצעדור.

אין די פינפטע הקדמה וואס דער רבי מאכט אין פרק ג' ברענגט דער רבי אראפ א ביישפיל צו די סיבות. דער רבי צונעמט די נושא פון וואסער. ער זאגט אז ווען א מענטש טרינקט וואסער דארף ער טון א פעולה דערוועגן. צומאל וועט די פעולה זיין א ווייטע פעולה, צומאל וועט עס זיין א נאנטע פעולה.

אין די אמאליגע יארן, שמועסט ער דארט אויס, פלעגט מען אנשעפן וואסער פון א ברונעם, אבער אזוי ווי דער ברונעם איז געווען טיף, פלעגט מען נעמען א כלי און די כלי האט מען צוגעבינדן צו א שטריק און די שטריק פלעגט מען צובינדן צו א בהמה, און די בהמה האט געשלעפט די שטריק און די שטריק האט געשלעפט די כלי און די כלי האט געשלעפט די וואסער.

זאגט דער רבי דערויף אז די כלי איז די נאנטע סיבה אבער די בהמה וואס שלעפט די כלי איז די ווייטע סיבה.

אבער אפילו אז עס איז די ווייטע סיבה, אבער אויב די בהמה וועט דורכפאלן און נישט קענען שלעפן די שטריק, וועט די שטריק נישט שלעפן די כלי, וועט די וואסער נישט אנקומען צו איר ציל.

אין די היינטיגע וועלט זעט עס אויס אסאך פשוט'ער. מיר האבן וואסער אין דעם ברונעם אבער ווער עס זעט וויאזוי די וואסער קומט אן צו אונז, און די גרויסע און שטארקע רערן וואס ווערן איינגעפלאנצט אין די ערד, אז די וואסער זאל קענען אנקומען צו אונז אין שטוב, ווייסט אז אויך היינט גייט ער אריבער א גרויסער פראצעדור און מעגליך אז די היינטיגע וואסער רערן איז נאך מער קאמפליצירט ווי די אמאליגע.

מיט די נקודה געבט דער רבי צו פארשטיין אז נישט אלעמאל איז פאר'ן מענטש קלאר וויאזוי איין זאך איז געבינדן מיט די אנדערע. אסאך מאל זעט אויס ווי איין זאך איז זייער ווייט פון די צווייטע, אבער אלעס איז איין גרויסער רעדל וואס דרייט זיך, אלעס איז געבינדן מיט'ן צווייטן, יעדער זאך שלעפט נאך די צווייטע, אמאל איז די סיבה א נאנטער, אמאל איז עס א ווייטער.

דערויף האט חנה געזאגט אין איר תפילה [שמואל א. ב.] ולו נתכנו עלילות, אז אלעס גייט מיט סיבות אויף סיבות.

דער חינוך [מצוה רמ"א] שרייבט איבער די עבירה פון קנאה, אז דער שורש דערפון איז אז דער מענטש זאל אריינגעמען אין קאפ אז אלעס וואס וועט אים באטרעפן מטוב ועד רע קומט פון דער בורא כל העולמים, נישט פון דער מענטש וועלכער האט אים געטשעפעט.

און ווי שטערקער מען וועט לעבן מיט דער געדאנק אז אלעס קומט פון אויבן, אז גארנישט געשעט נישט אליין, וועט דער בין אדם לחבירו ארויפגיין א דרגה, עס וועט אונז ווערן גרינגער צו קענען מוחל וסולח זיין, מיר וועלן זיך ווייניגער רעגן און ווערן אנטוישט ווייל מיר וועלן זיך דערמאנען אז כי היתה סיבה מאת השם און אז אלעס דא אויף די וועלט איז אונז צו טון גוטס.

[ארויסגענומען פון שיעור 51-52 אין שער הביטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### פארוואס פונקט ביי מיר איז עס געשען?

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך זיך באגעגענט מיט א איד וואס מוטשעט זיך נעבעך מיט א קינד וואס איז ליידער אראפ פון וועג. איך מיין אז עס איז איבריג אויסצושמועסן די צער פון אזא איד. דער טאטע'ס הארץ גייט אויס פון צער. וואס וויל דען דער טאטע פון אים? ער וויל בסך הכל אז זיין קינד זאל זיין ערליך? אז זיין קינד זאל זיין א ירא שמים, אן עובד השם, און עס גייט אים נישט.

פון צייט צו צייט לאזן אידן איבער די שאלה אויפ'ן האטליניע. מען וויל וויסן וואס האט מען צו טון אין אזא צייט? א איד לערנט זיך אויס מקבל צו זיין דער דין באהבה, צו זאגן אויף יעדער זאך וואס עס באטרעפט אים אויף די וועלט, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד? אבער קעגן אזא צער וואס קען ער דען זאגן? א מענטש טרייסט זיך אז א צער אויף די וועלט וועט אים אראפנעמען פון דער צער לעולם הבא, אבער דא ביי די צער, שפירט ער די פארקערטע! ביי אזא צער שפירט דער מענטש אז עס וועט אים אוועקנעמען פון עולם הבא?

דערציילט ווייטער דער טאטע: ווען די צרה האט מיר באטראפן בין איך געגאנגען צו א גרויסער איד וואס איז עוסק אין מחזיר זיין אידן בתשובה, און אים געבעטן חיזוק.

צו מיין וואונדער האט ער מיר דערציילט אז אויך ער האט מיטגעמאכט אזא צרה.

""איך דארף נישט דערציילן וואס דאס איז", האט דער איד אים דערציילט, אבער מיניה וביה האט ער צוגעלייגט אז ווען ער האט מיטגעמאכט דער פעקל האט ער געהאט א שטיקל תביעה.

"איך בין דא עוסק טאג און נאכט מקרב צו זיין אידן צום רבוש"ע - וויאזוי קען זיין אז ביי מיר זאל אזאנס געשען"?

און דער באשעפער האט מיר אריינגעשיינט די תשובה. עס האט ביי מיר אויפגעבליצט א טיפזינידגער געדאנק.

דער איד האט עס אויסגעשמועסט:

"מיר ווייסן אז קיין איין זאך קומט נישט אראפ אויף די וועלט אן וואס מען זאל מתפלל זיין אויף דעם, די תפילה איז ממשיך די שפע און די זעלבע זאך איז דא אויך", האט ער אנגעהויבן זאגן.

דער רבוש"ע האט אסאך קינדער וואס זענען ליידער אראפ פון וועג. אויף אסאך איז דא וואס דאווענען אבער אויף אסאך איז ליידער נישטא ווער ס'דאווענט און מען דארף דאך דאווענען אויף זיי אויך, ווייל אויב מען וועט נישט דאווענען אויף זיי וועט נישט זיין קיין המשכה, אז זייערע נשמות זאלן זיך קענען צוריקקערן צו עבודת השם.

וואס טוט השי"ת? ער מאכט אז די צרה זאל קומען אויף ערליכע אידן און זיי זאלן דאווענען אויף די קינדער און זייערע תפילות און טייכן טרערן נעמט השי"ת און ברענגט צו די הונדערטע פארלוירענע נשמות.

"ווען מיר וועלן ארויפקומען אויף יענער עולם וועלן מיר איינזען וויפיל נשמות אונזערע תפילות און טייכן טרערן האבן צוריקגעברענגט", האט דער איד געזאגט.

האט דער איד ווייטער דערציילט אז אין די רגע וואס ער האט געכאפט די נקודה האט ער אנגעהויבן מתפלל זיין פאר די אלע אידן. ביי 'והחזירנו בתשובה לפניך', האט ער מער נישט געבעטן נאר אויף זיך און נאר אויף זיין טאכטער, נאר אויף יעדע פארלוירענע נשמה, פון די וואס לערנען אין די פרייע שולעס, אין די קיבוצים, אז השי"ת זאל אויפוועקן זייער פונק, אז זיי זאלן זיך צוריקקערן צו עבודת השם.

האט דער איד דערציילט אז מיט די יארן האט דער וואונדער פאסירט, זיין טאכטער איז געווארן א שלימות'דיגע בעלת תשובה, זי האט אויפגעשטעלט אן אידישער שטוב.

"אבער", האט דער איד אויסגעפירט, "איך האב נישט אויפגעהערט צו דאווענען פאר זיי, נאך ביז היינט, בין איך ממשיך מיט די תפילות אויף זיי, צו בעטן אז השי"ת זאל זיי מקרב זיין לאבינו שבשמים.

האט דער טאטע פון דער געגליטשטער קינד אויסגעפירט, אז דער געדאנק האט אים געגעבן כח, מיט דעם האט ער פארשטאנען אויף למפרע דער כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, אויך ביי אזעלכע זאכן.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# וויאזוי א איד - מאכט חתונה זיינע קינדער

די היינטיגע מעשה וואס מיר גייען דא בעזר השם שילדערן, איז נישט אן איינצעלער געשעעניש וואס האט זיך אמאל אפגעשפילט, עס איז א לעבנסגעשיכטע וואס דער חשוב'ער ראש הישיבה הרה"ג רבי ישראל בראג שליט"א, דער ראש הישיבה פון די ישיבה 'תפארת אביגדור' אין קליוולאנד, שילדערט.

דער חשוב'ער ראש הישיבה שליט"א איז אן אייניקל פון דער בארימטער צדיק רבי אביגדור מילער זצ"ל, און ווי ער שילדערט אין די געשיכטע האט ער פון אים געשעפט אסאך חלקים פון זיין שטויננענדע לעבנסגעשיכטע וואס מיר וועלן שילדערן דא.

דער חשוב'ער ראש הישיבה שליט"א איז מקדים איידער ער הייבט אן שילדערן זיין געשיכטע אז דער ציל מיט די געשיכטע איז אריינצוברענגען חיזוק אין יעדן איד אין די וועלט, אז מען זאל וויסן און אנערקענען אז מיר זענען צוגעבינדן צו א גרויסער קוואל, אז ווער עס לעבט מיט אמונה און בטחון, זעט ישועות גדולות, אז ער ווערט העכער די טבע און אויב מיינט איר אז דאס איז שיינע דיבורים, לאמיר ענק מיטטיילן אז עס איז ממש אזוי.

מיין היינטיגער ערציילונג רירט אן איינס פון די מערסט פארצוויגטע סוגיות וואס יעדער איד גייט אריבער אין זיין לעבן, און דאס איז די סוגיא פון חתונה מאכן די קינדער.

יעדער פון אונז ווייסט אז די סוגיא פון חתונה מאכן די קינדער איז א שווערע און א פארצווייגטע זאך, און ווי שווער עס איז אין אויסלאנד איז עס נאך שווערער אין ארץ ישראל.

עס איז היינט ליידער א מציאות אז אסאך מחותנים קומען אן צו די חתונה צוגעלייגט און פאר'דאגה'עט צוליב די שווערע חובות וואס הויערט אויף זייערע קעפ. אנשטאט אז זיי זאלן זיך קענען פרייען מיט די שמחה זענען זיי מלא דאגה, און טאקע צו די מחותנים ווענד איך זיך, צו זיי וויל איך רעדן, פאר זיי וויל איך דערציילן די וואונדערליכע געשיכטע וויאזוי איך האב זוכה געווען חתונה צו מאכן מיט אפענע סייעתא דשמיא.

לאמיר אנהייבן מיט דעם אז פון הימל האט מען מיר מזכה געווען מיט צען לעכטיגע אידישע טעכטער. די טעכטער זענען חוץ די טייערע זין וואס איך האב באקומען במתנה. וויסענדיג אז אויב וויל מען זוכה זיין צו א חתן א תלמיד חכם, פאדערט זיך אז מען זאל אראפלייגן גרויסע געלטער ביי די חתונה, האב איך באשלאסן צו זיין דער 'חכם הרואה את הנולד' און מידי חודש בחודשו האב איך אנגעהויבן אוועקלייגן געלט אין די זייט, גלייבנדיג אז דאס וועט מיר העלפן.

ווען עס האט זיך אנגעזאמעלט א לייטישע סומע, וועלכער איז באשטאנען פון שווערע הונדערט טויזנטער דאלארן, האב איך, וועלענדיג אז די געלט זאל וואקסן, אריינגעלייגט די געלט ביי א איד, וואס איז עוסק אין אינוועסטירונגען און אים געבעטן ער זאל אינוועסטירן די געלט אין גוטע געשעפטן אז אין דער טאג וואס כ'דארף עס האבן, זאל עס זיין צו די האנט.

די יארן זענען געלאפן. דער גליקליכער און לאנג דערווייטערטער טאג איז אנגעקומען. מיין טאכטער איז בשעה טובה ומוצלחת געווארן א כלה.

שוין ביי די שידוך, האב איך זיך ערלויבט צו נעמען דער בעסטער בחור אין שטאט, מיט'ן חשבון אז איך האב דאך אוועקגעלייגטע געלטער אין די זייט.

דער טאג פון די חתונה האט זיך דערנענטערט און כ'באקום א טעלעפאן קאלל פון דער איד, ביי וועמען איך האב אינעוועסטירט די געלט.

דער איד פרעגט מיר צי איך זיץ אדער כ'שטיי?

"איך קען שטיין אויך", האב איך אים געענטפערט אויף זיין שאלה שמעקנדיג אז עס איז נאר דער אנהייב פון א שרעקעדיגע בשורה.

"וואס ווילסטו מיר זאגן"? פרעג איך אים.

"איך וויל דיר זאגן אז די אלע געלטער וואס דו האסט אריינגעלייגט ביי מיר איז נישט דא"!

"וואו איז עס"? האב איך געוואלט פארשטיין.

איך בין געווען זיכער אז ער האט געמאכט א שלעכטער געשעפט, אבער ווי טיפער איך בין אריין אין דעם שמועס, האב איך איינגעזען אז עס איז ממש נישט דאס, ער האט פשוט אויסגעפאטשקעט די געלט וואס איך האב אים געגעבן, ער האט געלעבט א לעבן פון שוואוילטאג אויף מיין חשבון און אויפ'ן חשבון פון נאך אנדערע אידן, וואס האבן געטון די זעלבע טעות וואס איך האב געטון.

איך האב זיך געטראפן צוויי וואכן פאר די חתונה מיט א ליידיגער טאש, די קאסע איז אינגאנצן ליידיג.

איך האב געקענט אנהייבן צו שרייען אויף אים, אדער אים רופן צו דין תורה, אבער בחסדי שמים האט מיר השי"ת אריינגעשיינט פון הימל אז עס איז א נסיון! אז פון הימל וויל מען מיר ווייזן אז טראץ וואס א מענטש מעג מאכן השתדלות און אפשפארן געלט פאר חתונה מאכן די קינדער, מיינט עס אבער נישט, אז פון די געלט וועט ער למעשה חתונה מאכן זיינע קינדער.

אין יענע שווערע מינוטן איז מיר צוניץ געקומען די לימודים וואס איך האב קונה געווען ביי מיין זיידע ומורי ורבי רבי אביגדור מיללער זצ"ל און אויך פון מיין רבי רבי מאיר סאלאווייטשיק זצ"ל.

ביי ביידע פון זיי האב איך געלערנט, נישט נאר במח, נאר אויך בלב, אז א מענטש געבט זיך נישט א ריר אויף די וועלט, נאר אויב מען איז פריער מכריז דערויף למעלה און יעצט בעת הנסיון, זענען ארויפגעקומען צו מיר די אלע ווערטער און געדאנקען.

איך האב אראפגעלייגט די טעלעפאן און אויפגעהויבן מיינע אויגן למעלה זאגנדיג, רבונו של עולם! דו ביסט דא מיט מיר! העלף מיר אז איך זאל זיך שטארקן! איך וויל זיך נישט שפירן פארלוירן און פאר'דאגה'עט, ווי דער יצר הרע וויל אז איך זאל זיך שפירן! איך וויל שפירן דיין שטארקער האנט, איך וויל קענען זיך אנלאנען אויף דיר, דו האסט דאך אלעס געוואוסט און עס איז ביי מיר נישט קיין צווייפל אז אלעס וואס איך דארף צו די חתונה, האסטו שוין אנגעגרייט פאר מיר פריער.

און עס איז טאקע געווען אזוי קלאר ביי מיר אין יענער מינוט.

אויך שפעטער, ווען די פרשה האט אויפגעפלאצט ביי אנדערע און דער גאס האט אנגעהויבן צו רעדן אז דער יעניגער האט בארויבט דעם עולם און געפרעגט וואס כ'גיי טון דערצו. צי איך גיי עפעס טון? האב איך זיי געזאגט, אז איך גיי גארנישט טון, אזוי וויל דער באשעפער און איך בין עס מקבל באהבה.

די אידן האבן עס נישט געקענט פארשטיין. אסאך פון זיי זענען געווען זיכער אז אויב איך זאג אזוי איז זיכער אז איך האב כאטש צוריקבאקומען מיין חלק, אבער איך האב זיי קלארגעשטעלט איינמאל און נאכאמאל אז זיי לעבן אין א טעות, איך האב גארנישט באקומען, איך בין פונקט ווי זיי געבליבן אויסגעשפילט, אבער איך האב באשלאסן אז אויב דאס איז דער רצון השם נעם איך עס אן באהבה.

"און אז איך וועל זיך רעגן און עסן די געזונט וועל איך צוריקהאבן די געלט"? האב איך זיי צוריקגעפרעגט.

עס איז געווען צווישן זיי אזאנע וואס האבן געוואלט גיין אין געריכט, אבער איך האב גע'טענה'ט אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה.

די טעג זענען געלאפן, די חתונה פון מיין טאכטער איז געקומען צוגיין. מיין טאכטער האט חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת! און איר ווילט זיכער וויסן וויאזוי איך האב געהאט געלט צו די חתונה?

ביי מיין ערשטער טאכטער האב איך זיך אונטערגענומען צען יאר קעסט. איך האב געזאגט פאר מיין מחותן אז איך קען אים נישט געבן די געלט פאראויס, אבער וואס איך האב צוגעזאגט, וועל איך געבן בעז"ה.

מיין ווייב האט געוואלט וויסן פון וואו וועל איך נעמען די געלט? איך האב איר געזאגט אז איך בין נישט באזארגט, דער באשעפער ווייסט אז איך דארף עס האבן, ער וועט שוין זארגן פאר מיר.

און, ברוך השם, איך קען זאגן, אז איך האב געקענט שטיין אין מיין התחייבות על צד היותר טוב.

א יאר איז פארביי און עס איז געשלאסן געווארן א פרישער שידוך ביי מיר אין שטוב. דער צווייטער מחותן איז געקומען צוגיין מיט קלארע פאדערונגען. ער האט געזאגט אז זיין זון איז א תלמיד חכם, ער קען פיין לערנען און ער וויל אז נאך די חתונה זאל ער קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט.

"איך וויל נישט אז דו זאלסט מיר זאגן אז עס גייט זיין גוט! און מיר פארקויפן אמונה ובטחון! איך וויל זען די געלט אויפ'ן טיש! איך וויל אז נאך פאר די חתונה זאלסטו אראפלייגן אויפ'ן טיש הונדערט טויזנט

דאלער”!

איך האב אים באַרואיגט זאגנדיג אז נאך פאר די חתונה וועט ער זען די געלט אויפ'ן טיש.

נאר נאכדעם וואס איך האב אים געגעבן מיין פערזענליכער פארשפרעכונג אז די געלט וועט זיין, האבן מיר באשטימט די חתונה.

”דו געדענקסט? נאך פאר די חתונה?”.

איך האב אים באַרואיגט, אז ביז צום לעצטן פרוטה וועט עס זיין נאך פאר די חתונה.

מיין בני בית האט מיטגעהאלטן די גאנצע ענטוויקלונג. זי האט מיר געהאלטן אין איין ווייזן מיט די פינגער, ווי איינער זאגט וואס טוסטו? דו נעמסט זיך אונטער עפעס וואס דו קענסט נישט.

פון וואו וועסטו ברענגען אזא סכום? האט זי געוואלט וויסן.

”צי וועסטו גיין נאך געלט”? האט זי געוואלט וויסן.

”ניין. ממש נישט. איך האב נאך קיינמאל נישט אויסגעשטרעקט מיינע הענט און איך וועל ווייטער נישט אויסשטרעקן מיינע הענט”.

איך האב איר געגעבן צו פארשטיין אז דער שידוך איז א הימלישער זאך, און איר דערציילט אז מיט עטליכע יאר צוריק האב איך אמאל א פרעג געגעבן מיין בחור ווער איז דער בעסטער בחור פון די ישיבה וואו ער לערנט און מיין זון האט מיר א זאג געגעבן א נאמען פון א בחור.

ווען איך האב געהערט דער נאמען פון דער בחור האב איך זיך דערמאנט אז איך האב געהאט א חבר אין ישיבה וואס האט געהאט די זעלבע משפחה נאמען, און ווען איך האב געשיקט מיין זון ער זאל פרעגן יענעם בחור צי ער איז אפשר דער זון פון יענעם?

דער תשובה איז געווען אז יא! די מעשה איז מיר דעמאלטס אריין אין קאפ און דריי יאר שפעטער ווען דער שדכן האט געקלינגען און אנגעטראגן די בעסטע בחור פון ישיבה און געזאגט דער נאמען פון דעם בחור האב איך גלייך געגעבן אן אקעי צו דער שידוך.

דער שדכן האט זיך זייער געוואונדערט. ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס כ'זאג גלייך יא, אן וואס איך זאל מברר זיין ווער עס איז, האב איך אים דערציילט די מעשה וויאזוי מיט דריי יאר צוריק, האט השי”ת מיר אריינגעשיקט דער נאמען אין מויל און פון דעמאלטס האב איך געוואוסט אז דאס איז מיין באשערטע שידוך.

”און נאכדעם וואס דו האסט געזען אזא וואונדערליכע השתלשלות וויאזוי אלעס פירט זיך פון אויבן האסטו נאך שאלות בנוגע די געלט זאכן” האב איך געפרעגט מיין ווייב.

”דער גרויסער באשעפער האט אונז געשיקט א גוטער חתן, א פיינער טאכטער, צי טראכסטו אז ער וועט אונז נישט שיקן קיין געלט אויף קעסט”.

איך האב געבעטן פון מיין ווייב אז זי זאל נישט אריינגיין אין קיין אומזיסטע פרעשור. זי זאל ארויסנעמען פון איר קאפ אזא זאך וואס הייסט געלט און זיך גרייטן צו די חתונה מיט די גאנצע רואיגקייט.

אויף פערציג טויזנט דאלער האב איך געהאט אן אויסקוק פון צו נעמען געלט. מיר האבן געהאט דארט אוועקגעלייגט אן אינשערונס פאליסי, אבער פאר די איבריגע זעכציג האב איך נישט געהאט קיין שום אויסקוק אויף געלט.

דער זייגער האט זיך גערוקט, עס איז אריבער פיר וואכן צייט, עס איז נאך געבליבן בלויז צוויי וואכן. מיר האבן זיך ארויסגעלאזט קיין ניו יארק פאר שאפינג. אונטערוועגנס געט מיר מיין ווייב א פרעג ווי האלט עס מיט די געלט זאכן.

”מיר האבן עפעס אפגעמאכט”? האב איך איר געזאגט.

”איך פרעג סתם”.

”און אז דו פרעגסט, לאמיר דיר זאגן, אז מען האלט נאך ביי זערא...”.

עס איז געווען צוויי וואכן פאר די חתונה ווען מיר האבן זיך אומגעקערט פון ניו יארק צו אונז אינדערהיים. אין די געציילטע טעג וואס מיר זענען געווען אינדערהיים האט זיך אנגעזאמעלט אסאך פאסט אין פאסט קעסטל און וועלענדיג זען וואס איך האב פארפעלט, האב איך אנגעהויבן עפענען די בריוון און עס אויסגעליינט איינס ביי איינס.

פלוצלונג, באמערק איך איין בריוו פון א קאמפאני, איך עפן אויף דער בריוו און וואס טרעף איך אינעווייניג, עס האט דריי טשעקן פון צוואנציג טויזנט דאלער אויף מיין נאמען.

אינגאנצן באגייסטערט שריי איך אויס פאר מיין בני בית:

”קום אהער, קוק וואס דא גייט פאר, דריי טשעקס, יעדער טשעק אין די סומע פון צוואנציג טויזנט דאלער”.

מיר זענען געשטאנען אביסל ווייניגער ווי צוויי וואכן פאר די חתונה, און די געלט איז דא. אויפ'ן ארט האב איך אריינגעקלינגען דער מחותן און אים געזאגט אז די געלט איז שוין דא!

בשעתו האב איך נישט געהאט קיין צייט מברר צו זיין פון וואו די טשעקס זענען אנגעקומען צו מיר, אבער נאך די חתונה האב איך זיך פארבינדן צו די פירמע און אים געפרעגט וואס איז דער באדייט פון די גרויסארטיגע מתנה וואס ער האט מיר געשיקט.

”צי האסטו מיר געשיקט זעכציג טויזנט דאלער”.

”אה, דו ביסט עס”, האט ער געזאגט און אנגעהויבן שפינען די געשיכטע וואס דא איז געווען.

ער האט מיר דערציילט אז מיט עטליכע מאנאטן צוריק האבן זיי זיך אריבערגעצויגן אן אפיס און אין גרייטונג פון זיך ציען האבן זיי געמאכט סדר אין זייער אפיס און זיך באגעגענט מיט א דאקומענט וואס איז געלעגן ביי זיי פאר א שטיק צייט. די רעדע איז געווען פון א געשעפט וואס א איד האט געמאכט מיט זיי מיט עטליכע יאר צוריק. דער איד האט געמאכט אן אינוועסמענט און ער האט זיך בשעתו אויסגענומען אז ער וויל אז די ריווח פון דעם געשעפט זאל גיין פאר זיין רבי, ר' ישראל בראג פון קליוולאנד.

דערביי האט ער מיר געגעבן דיין אדרעס און עס געהייסן אפשיקן צו דיר. די בריוון איז געלעגן ביי מיר פיר יאר. איך האב פארגעסן דערפון און יעצט האב איך זיך דערמאנט אין דעם. אז איך האב זיך דערמאנט אין דעם האב איך אנגעהויבן בודק זיין וואספארא רווחים די עסק האט דעמאלטס אריינגעברענגט. איך האב בודק געווען און צום ערשט האב איך געטראפן אז די פארדינסטן זענען געווען צוואנציג טויזנט דאלער און דיר אפגעשריבן א טשעק פון צוואנציג טויזנט דאלער, אביסל שפעטער האט איך נאכאמאל בודק געווען און געטראפן אז די פארדינסטן זענען נאך צוואנציג און דיר געשריבן א צווייטער טשעק און אביסל שפעטער האב איך נאכאמאל בודק געווען און געטראפן אז עס קומט דיר נאך צוואנציג און דאס איז דער באדייט פון די דריי טשעקן.

איך בין געווען שאקירט! אומגלויבליך! איך שטיי און טראכט דא פון וואו די געלט וועט אנקומען צו מיר, און דא ווער איך געוואויר אז השי”ת האט שוין גע'דאגה'ט פאר מיר לענגאויס דער גאנצער וועג, און גורם געווען אז עס זאל ליגן גרייט פאר מיר גרייטע טשעקן און מען זאל זיך דערמאנען אין זיי צוויי וואכן פאר די חתונה.

אומגלויבליך! איך האב קלאר געזען אז עס איז נישטא וואס צו דאגה'נען.

די דערמאנטע געשיכטעס זענען נאר פון די ערשטע צוויי קינדער, אבער זיי האבן ממשיך געווען אויך שפעטער ביי די איבריגע קינדער, ווען ביי יעדער קינד איז געווען כהנה וכהנה סיפורים, וואס יעדער סיפור שטייגט איבער די פריערדיגע פילפאכיג.

איך וויל ענדיגן מיט א ווארט פאר יעדן טאטן און פאר יעדן מחותן וואס גייט חתונה מאכן זיין קינד!

איינס פון די טעותים וואס מיר מאכן כסדר איז אז עס איז אונזערע קינדער און אונזער געלט. עס איז א טעות! די קינדער זענען נישט אונזערע קינדער! די געלט איז נישט אונזערע געלט! דער באשעפער וויל אונז פשוט מנסה זיין! מיר זענען נאר שלוחים און א שליח דארף נישט דאגה'נען, דער משלח נעמט אחריות!

ווען דער שליח רעדט זיך איין אז ער קען עפעס, זאגט אים דער משלח, נו, ווייסט וואס, לאמיר זען וואס דו קענסט!

איך האב געזען בחוש וויאזוי השי”ת האט גערעדט צו מיר און געזאגט, דו דארפסט נישט פארן קיין אמעריקע, דער זעלבער באשעפער איז דא אין אמעריקע און ער דאגה'ט פאר אונזערע קינדער פאר אלעס. פאר עסן, שכר לימוד, קליידונג פאר ווינטער און פאר זומער און צי וועט ער נישט דאגה'נען אז מיר זאלן קענען חתונה מאכן די קינדער, ווען ער וויל אז מיר זאלן חתונה מאכן די קינדער.

משל למה הדבר דומה:

צו א מאמע וואס לאדענט איין איר קינד אויף א שבת און דער קינד קלינגט איר אן פרעגן צי זי איז זיכער אז עס דא גענוג טשאלנט? און ווען דער מאמע זאגט אים אז יא, עס איז דא גענוג, פרעגט ער נאכאמאל און נאכאמאל צי עס איז טאקע דא.

די מאמע קען אים נישט פארשטיין. זי זאגט פאר'ן קינד: דו עסט שוין דא צענדליגע יארן, צי האט דיר אמאל געפעלט דיין פארציע טשאלנט? די זעלבע איז מיט אונז, דער באשעפער לאדענט אונז איין אויף די חתונה פון זיינע קינדער! צי וועט ער אונז אריינברענגען אין א ליידיגער זאל? און בכלל, אז מען קוקט פון א השתדלות קוק-ווינקל וואס איז שייך השתדלות ווען מען רעדט פון אזעלכע גרויסע געלטער? צי קען איך דען אויסצאלן אזעלכע געלטער? מען קען איין זאך טון, און זיך אנפולן מיט זעק פון אמונה און זיך מתחבר זיין צו די מעיין פון ישועות.

איך ווינטש א גאנצער שמחה ביי ענקערע!

בטחו בהשם והרנינו כל ישרי לב.

# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

מיין פרנסה ציה איך פון פארקויפן א געוויסער פראדוקט. מיינע פרייזן זענען נארמאלע פרייזן ווי עס גייט אין די מארקעט, אבער עס מאכט זיך אסאך מאל אז ווען איינער קומט אריין אין געשעפט און כ'לייג אים פאר מיין פרייז און יענער קווענקעלט אזוי ווענן די געלט, שלאג איך אים פאר א דיסקאונט אין די פרייז.
איך געב אים די 'הנחה', נאר ווייל איך ציטער אז יענער וועט עס נישט וועלן קויפן און ארויסגיין מיט ליידיגע הענט און כ'וועל דערלייגן. מיין שאלה איז צי דאס איז נישט קיין סתירה צו די אמונה, אפשר פאדערט זיך פון מיר אז איך זאל האלטן ביי מיין פרייז און גלייבן אז וואס עס איז באשערט פאר מיר, וועל איך סיי ווי באקומען, אדער אפשר דארף מען יא געבן דיסקאונט?
שאלה נומער 47
א.ר. חיפה

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### א חסד פאר א צווייטן איד!

**הרב אהרן שיק פון בני ברק, הרב נתן הלוי פון ביתר עילית, הרב חיים ראפפורט פון ביתר עילית, הרב דוד לייפער פון ירושלים:** אין די שאלה באציסטו זיך צו דיין זייט, דער זייט פון די פארקויפער, אבער ווען מיר וועלן פאר א רגע אריינגיין אין דער זייט פון דער קונה וועט מען קענען לעזן דיין שאלה. ווען א איד קומט אריין קויפן ביי דיר א פראדוקט מיינט עס אז דער איד דארף האבן דעם פראדוקט. ווען ער קווענקעלט זיך צי ער זאל קויפן די פראדוקט, ווייל ער האט נישט גענוג געלט צו צאלן וויפיל דו בעטסט און דו געבסט עס אים פאר ביליגער האסטו געטון מיט אים א חסד, און ווען עס רעדט זיך פון א חסד איז נישט שייך צו זאגן אז וועגן אמונה אדער בטחון זאל מען נישט העלפן א צווייטן.

נאך קלארער אין דעם געדאנק מאכט **הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש:** באטענענדיג אז א חלק פון די שאלה וואס דער שואל שטעלט פאר איז געווען אז דו האסט געזאגט אז דו גלייבסט אז אויב עס איז דיר באשערט דאס געלט וועסטו עס באקומען און אויב נישט - וועסטו עס נישט באקומען און די זעלבע זאך איז ווען דו טוסט א חסד, ווייל פון טון א חסד פאר א צווייטן איד דערלייגט מען קיינמאל נישט.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים, הרב העניך זילבערפארב פון חיפה:** עס איז זייער שווער צו ענטפערן דיין שאלה ווייל די אמת'ע תשובה צו דיין שאלה איז אז עס וועט זיך ווענדן אין וואס עס טוט זיך אפ אינעווייניג אין דיין הארץ ווען דו מאכסט אים די הנחה און לאמיר אויסשמועסן אפאר צדדים. אויב דו מאכסט אים א הנחה ווייל עס ברענט אין דיר צו שליסן דער דילל איז פשוט אז דאס איז קעגן די מידה פון בטחון, אבער אויב דו טוסט עס ווייל אזוי איז דער סדר אין דער עולם המסחר, אז אסאך מאל געבט מען א דיסקאונט, איז דער געבן א דיסקאונט בגדר השתדלות, אבער אויב דו געבסט אים א הנחה, ווייל דו ווילסט גרינגער מאכן פאר דיין קליענט, טוסטו א חסד און דאס איז גענוי ווי מיר האבן געשמועסט, אז עס ווענדט זיך פארוואס דו מאכסט א הנחה.

### כך הוא דרכו - בעולם המסחר

**הרב יהודה הללי פון ירושלים, הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** געבן א דיסקאונט פאר א צווייטן איז דער סדר העולם. יעדער געשעפט ווייסט אז פון צייט צו צייט דארף מען אראפלאזן די פרייז אדער מאכן א סעיל. עס איז נישט ריכטיג צו זאגן אז יעדער וואס מאכט א סעיל האט נישט קיין אמונה. דער פלא יועץ שרייבט שוין אין זיין ספר אז השי"ת האט אזוי גוזר געווען אז לויט די השדלות און פלינקייט פון דער מענטש זאל ער באקומען זיין שפע.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה:** דער כלל איז אז א דיסקאונט געבט מען אויסגערעכנט, נישט ווייל מען איז אונטער דרוק. צומאל קען מען דערלייגן אלע פארדינסטן ווייל מען גייט אריין אין דרוק. אזא סארט מהלך איז זיכער נישט קיין השתדלות, עס קומט אויפ'ן חשבון פון שפייזן די משפחה.

**הרב ישראל שטיין פון ירושלים:** אין דיינע ווערטער ביי די שאלה שרייבסטו אז געבן א דיסקאונט האט נישט אייביג מיט השתדלות וכדבריך כן הוא. עס איז דא אסאך וועגן וויאזוי מען קען איבערציייגן א קאסטומער ער זאל וועלן קויפן ביי דיר, אפילו ווען דו ביסט נישט דער ביליגסטער. דער כלל איז אז ווען מען פירט זיך ערליך, לויט די כללי המסחר, קומט אריין א ברכה אין דער עסק.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** ווען א מענטש פארקויפט א זאך פאר א פרייז דארף ער גלייבן אין דער ווערד פון די זאך. א פאכמאן ווען ער מאכט א יצירה גלייבט ער אין די ווערד פון די יצירה. אויב א מענטש לאזט אראפ די פרייז, קוקט עס אויס ווי ער גלייבט נישט אין די ווערד פון זיין זאך און עס זעט אויס ווי איבריגע השתדלות, אויסער אויב ער וויל טון חסד מיט'ן מענטש.

### א שאלה פאר גליון 97

מיר שטיין יעצט אין די ימי בין המצרים ווען כלל ישראל איז זיך מתאבל אויפ'ן חורבן הבית. אין אזא צייט וואלט איך געוואלט אויסשמועסן א נושא וואס איז נוגע די טעג און אויך אויף אגאנץ יאר. מיר לעבן היינט אין א וועלט וואו עס איז ברוך השם דא אסאך אידן וואס שטארקן זיך אין די אמונה, אז אלעס פירט זיך פון אויבן, אז אלעס מאכט דער באשעפער, אז אלעס איז גוט. די סארט צוגאנג איז די ריכטיגע צוגאנג צום לעבן, אבער ווען עס קומט צו צער וגלות השכינה און אויסקוקן אויף די גאולה, איז דא אסאך וואס שפירן אז עס איז ביי זיי א שטיקל סתירה. איך וואלט געוואלט הערן פון אייך ווי אזוי קען מען אויסארבעטן אז ביידע זאלן ארבעטן אינאיינעם?

י.ב.ס. אלעד

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת עקב. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## בין הזמנים - מיט א בליק פון אמונה

אסאך עלטערן רעדן איבער די גרויסקייט און געשמאקקייט פון די וואקאציע טעג, אבער דער אמת אז דערונטער די געשמאקע מאלעריי און ערקלערונגען פון די געשמאקע בין הזמנים טעג באהאלט זיך א שטארקע דיעלעמע און אסאך פון אונז געבן זיך נישט אן עצה מיט דעם.

די בין הזמנים טעג שטעלן די עלטערן מיט די קינדער אין א שווערע דיעלעמע. די עלטערן, פון זייער זייט, ווילן געבן פאר די קינדער אלעס גוטס, אז די קינדער זאלן האבן א גוטער צייט. דאגעגן, די קינדער פון זייער זייט, ווילן נאך און נאך, אבער נישט אלעמאל זענען די עלטערן ביכולת צו געבן אזויפיל, און דא הייבט זיך די אומאנגענעמקייט מצד די עלטערן.

ער וויל געבן אבער ער קען נישט, און דער 'נישט' קענען איז גורם ער זאל זיך שפירן שלעכט.

ביי אסאך עלטערן ברענגט עס צו אז מען זאל פשוט אנהייבן צו געבן און צו געבן, מען זאל ארויסנעמען די קארטעל און אנהייבן סווייפן מיט דער האפענונג אז דאס וועט צופרידענשטעלן דער קינד.

אבער, אפילו, אז איר האט קרח'ס אוצרות, וואלט איך נישט פארגעשלאגן אז איר זאלט זיך פירן אזוי.

ווייל, אפילו אויב עס זעט אויס ווי געבן אסאך מאכט פריילך אייער קינד, איז עס נאר אן אויגן פארבלענדעניש, דער אמת'ער אמת איז אסאך טיפער ווי דעם.

אז מען וועט אריינגיין טיף אין דער זאך וועלן מיר אנקומען צו די אנערקענונג אז ווי שטארק די קינדער ווילן די גוטע זאכן, ווילן זיי נאך אסאך מער א געשמאקער מצב אין שטוב, רואיגע עלטערן, א באַ'טעמט'ער אטמאספער אין די לופטן.

עס איז דא א באקאנטער שפריכווארט אין ארץ ישראל.
דער קינד בעט א באמבא אבער ער וויל זיין טאטע!

און אויב מיר וועלן גוט אריינעמען אין אונז דער יסוד און אינוועסטירן מער אין דעם ווען מיר מיטאמאל באגעגענען אז מיר דארפן נישט געבן אזויפיל גוטע זאכן וואס קאסט אסאך געלט. אנשטאט דעם וועט מען אינוועסטירן אין זאכן וואס זענען גורם פאר די קינדער אן אמת'ע שמחה, אז זיי זאלן באמת הנאה האבן און מיר וועלן פארדינען פון אלע זייטן, סיי אז די קינדער וועלן מער הנאה האבן, סיי אז מיר וועלן זיין וויניגער נערוועז, ווייל מיר וועלן נישט דארפן אריינגיין אין חובות און אויסנוצן געלט אומזיסט, פאר זאכן וואס ברענגען סיי ווי נישט צו דער תכלית.

מען וועט אויסנוצן די וואקאציע טעג ארייינצוברענגען אין די קינדער געשמאקקייט, תוכן, השקפה שמועסן, אונזער בליק איבער וואקאציע און אלע וועלן ארויסגיין אמת'ע פארדינער פון די טעג.

מיט א ברכה אז עס זאל מקויים ווערן ביי אונז דער 'וקווי השם יחליפו כח' אין א שלימות'דיגער וועג.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 3 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

## א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר די האטליניע און די רייכע שיעורים וואס איר לייגט ארויף דארט. איך בין אן עלטערע בחור און כ'ווארט שוין זייער לאנג אויס פאר א שידוך. ווען כ'האב ווען נישט דער האטליניע וואלט איך שוין לאנג געווארן אנגעווייטאגט, אבער די האטליניע שטארק מיר, עס פולט מיר אן מיט אמונה, מיט בטחון, אז איך זאל נישט דאגה'נען נאר גלייבן אז אלעס וועט זיין גוט.

### מצד די געבער

איך בין אן עלטערער בחור. אין דער פארלאפענער ראש חודש תמוז האבן איך תורם געווען 513 שקל כמנין חתן וכלה פאר די הפצה פון די גליונות אלץ א סגולה איך זאל ווערן א חתן ביז ראש חודש אלול.
יעצט, האלט איך נאך פאר ראש חודש אב און איך בין שוין במזל טוב א חתן.
בברכה ר.א. פון ישיבת מיר


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
קלינגט אריין אין אפיס
02-5866-075
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה